# צווייטער סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד

חנה קליינע

דעם 5טן און 6טן אָקטאָבער 1999 איז פֿאָרגעקומען אין שטאָט טריר דער צווייטער יערלעכער סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד. בלויז דער נאָמען איז געבליבן ווי אַ סימן פֿונעם אָריגינעלן געדאַנק, אַ צוזאַמענקום פֿון די ייִדישיסטיק-אָפּטיילן בײַ די אוניווערסיטעטן פֿון טריר און דיסלדאָרף. נאָך אין ערשטן יאָר האָט זיך אָבער באַקומען עפּעס גאָר אַנדערש: אַן אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדיש-פֿאָרשערס און ליבהאָבערס פֿון גאָר דער וועלט. הײַנטיקס יאָר איז געווען נאָך גרעסער דער אָפּרוף און די צאָל רעפֿעראַטן.

איין און צוואַנציק רעדנערס פֿון נײַן לענדער האָבן הײַיאָר געגעבן רעפֿעראַטן — אַכט אויף ייִדיש און דרײַצן אויף דײַטש. דער עולם, וואָס איז געקומען פֿון נאָך מער לענדער ווי די רעדנערס, האָט געציילט 120 מענטשן.

ס׳רובֿ פֿון די רעדנערס האָבן אָנגערירט די טעמע מערבֿ-ייִדיש, וואָס איז אַ הויפּטפֿאָרשונג אין דיסלדאָרף און טריר. חוה טורניאַנסקי (ירושלים) האָט אַרומגערעדט אַ כּתבֿ-יד פֿון 17טן יאָרהונדערט, אַ לעצטנס אָפּגעפֿונענעם אין אײַנבונד פֿון אַ בוך. שמעון נויבערג (טריר) האָט גערעדט וועגן אַלט-ייִדישע לידער, צווישן זיי תּנ״כישע און היסטאָרישע לידער. די פֿרוי אין מעשׂה-בוך איז געווען די הויפּטטעמע פֿון אַסטריד שטאַרק (מילהויזן), בעת חנה קליינע האָט אַנאַליזירט פֿון אַ פֿילאָלאָגישן קוקווינקל די מעשׂה-זאַמלונגען פֿון 16טן יאָרהונדערט, מיט אַ צוריקבליק אויף די אָנהייבן פֿון זשאַנער. עריקאַ טים (טריר) האָט זיך מיטגעטיילט מיט אָפּקלײַבן פֿון איר גרויסן פֿאָרשפּראָיעקט, די שפּראַכיקע השפּעה פֿון תּנ״ך-איבערזעצונגען. די פֿאַרשיידענע אויפֿלאַגעס פֿון דער ״וואַגענזײַל״-זאַמלונג אין ערלאַנגען האָט אַרומגערעדט הײַדי שטערן, אַ פֿאָרשערין אין דער שטאָט. וואָלף-אָטאָ דרעעסן (שטוטגאַרט) האָט געשטעלט אַ פֿראַגע, צי דער קיימברידזשער כּתבֿ-יד קערט זיך אָן מיטן דוכּוס האָראַנט; דער ענטפֿער: ניין. מאַריאָן אַפּטראָט (דיסלדאָרף) האָט פֿאָרגעשטעלט די מחלוקתן צווישן די אַלטע און נײַע ייִדן פֿון אַמסטערדאַם, אָפּגעשפּיגלטע אין די נוסחות (סײַ ערנצטע סײַ פּאַראָדישע) פֿון אייגענעם צי יענעם צדס קהלישע תּקנות. קלאַוס קונאָ (באָן) האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן די מצבֿות אויפֿן אַלטן בעת-

עולם אין עסינגען און פֿראַוקע פֿאָן ראָדען (בערלין) — וועגן דערציילונגען אין מנקת רבֿקה. וואַלטער רעל (טריר) האָט פּרעזענטירט זײַן פּראָגרעס אויפֿן וועג צו אַ ווערטערבוך פֿון עלטערן ייִדיש.

אַנדערע רעדעס, נישט וועגן מערבֿ־ייִדיש, האָבן אויך פֿאַרשאַפֿן אינטערעס:

איזידאָר לעווין (פּעטערבורג) האָט אָנגערירט די טעמע סטודענטן־קולטור אין די באַלטישע לענדער צווישן ביידע וועלט־מלחמות, בשעת האַנס־פּעטער אַלטהאַוס (טריר) האָט פּרטימדיק אַנאַליזירט די באַמערקונגען וועגן ייִדיש אין טאָגבוך פֿון וויקטאָר קלעמפּערער. ייִדיש אין הײַנטיק אונגערן האָט אַרומגערעדט פּעטער וואַרגאַ (בודאַפּעשט) און ראָלאַנד גרושקאַ (דיסלדאָרף) — ה. שקלאַרס וואָרט־רשימה מיטן טיטל ״סאָוועט־שפּרעך אין ייִדיש״. עטלעכע האָבן אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס אויף דער טעמע ייִדישע לינגוויסטיק: עוואַ געלער (וואַרשע) פֿאָרשט דעם אַרויסרייד פֿון וואַרשעווער ייִדיש; האָלגער נאַט (דיסלדאָרף) — די סלאַווישע השפּעה אויף די קאָנווערבן; און דאָנאַלד שטיינמעץ (מינעאַפּאָליס) — דעם גראַמאַטישן מין אין מערבֿ־גערמאַנישע לשונות בכלל און ייִדיש בפֿרט.

רעדעס וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מען פּרעזענטירט סוף צווייטן טאָג פֿון סעמינאַר: היו דענמאַן (לאָנדאָן) האָט גערעדט וועגן דער צווייטײַטשיקייט אין באַשעוויסעס אויסמאָלערישער פּראָזע; אסתּר וואַלענסיאַ (סטירלינג) וועגן דער פּיעסע שמואל האַרענדאָרפֿס ״דער קעניג פֿון לאַמפּעדוסע״ אויף דער לאָנדאָנער ייִדישער בינע; און (צום לעצטנס) סיגריד יערגענסען (קאָפּענהאַגן) וועגן פֿייגל־מאָטיוון אין איציק מאַנגערס שאַפֿונגען.

שׂמחות האָט מען אויך געפּראַוועט: מע האָט אָפּגעגעבן כּבֿוד פּראָף׳ עריקאַ טים (די ערשטע פּראָפֿעסאָרשע פֿון ייִדישיסטיק בײַ אַ דײַטשער אוניווערסיטעט) מיט אַ ספּעציעלן יובֿל־נומער ״ייִדישע פֿילאָלאָגיע״, אַרויסגעגעבן פֿון וואַלטער רעל און שמעון נויבערג. און מע האָט גוט פֿאַרבראַכט אויף אַ קאַבאַרעט־אָוונט מיטן ״עגמת־נפֿש״־אַנסאַמבל (מיט אַבֿישי פֿיש בראָש), וואָס האָט אַרויפֿגעטראָטן מיט אַן אָפּקלײַב לידער ״גלו־גלו־גלו״, אויף דער טעמע — דערטרונקען ווערן. און ווי אַלע מאָל בײַ אַזלעכע קאָנפֿערענצן — סתּם כאַפּן אַ שמועס איז געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע אַקטיוויטעטן.

סך־הכּל: די קאָנפֿערענץ איז געווען אַ גערעטענער, און מע קוקט שוין אַרויס מיט

אומגעדולד אויפֿן דריטן צוזאַמענפֿאָר איבעראַיאָר אין דיסלדאָרף. מע האָט שוין באַשלאָסן צוצוגעבן אַ דריטן טאָג, מע זאָל האָבן פּלאַץ פֿאַר נאָך רעפֿעראַטן.